**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 09/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 65 יוניטס אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט פאר עלטערע מענטשן אין איסט באפעלאו**

***שותפות מיט Mt. Olive Baptist Church קירכע שטופט פאראויס סטעיט'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו פארברייטערן געלעגנהייטן און מיטלען אין איסט באפעלאו קאמיוניטי***

***אין די לעצטע פינף יאר האט די סטעיט אויפגעבויט אדער פרעזערווירט 4,660 אפאָרדעבעל היימער אין באפעלאו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף Mt. Olive Senior Manor וואס וועט ברענגען 65 אפאָרדעבעל אפארטמענטס פאר עלטערע מענטשן פון 55 יאר און עלטער, אריינרעכענענדיג 20 אפארטמענטס מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר מענטשן וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט. די 27 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט בויט ארויף אויף די סטעיט'ס היסטארישע 50 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די איסט באפעלאו קאמיוניטי.

"Mt. Olive Senior Manor זעצט פאר מיין אדמיניסטראציע'ס פארפליכטונג צו אויפריכטן איסט באפעלאו דורך נייע דעוועלאפמענטס וועלכע אפפערן זיכערע, סטאבילע און אפאָרדעבעל היימער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "האוזינג פאר עלטערע מענטשן איז א קריטישע טייל פון מיין האוזינג אגענדע צו זיכער מאכן אז ניו יארקע עלטערע מענטשן קענען בלייבן נאענט צו פאמיליע און באליבטע אין די קאמיוניטיס וואס זיי פאררופן אלס זייער היים. איך וועל פארזעצן צו איינשפאנען אונזערע איסערגעוועגטליכע שותפות'ן מיט רעליגיע-באזירטע גרופעס ווי די Mount Olive Development Corporation וואס בויט אויף שטארקע קאמיוניטיס און פארבינדט ניו יארקער מיט די סערוויסעס וואס זיי דארפן צו בליהען און לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט."

Mt. Olive Senior Manor איז טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די דעוועלאפמענט ערגענצט אויך די סטעיט'ס פילפאכיגע געציהלטע אינוועסטירונגען צו אדרעסירן די איסט באפעלאו קאמיוניטי'ס באדערפענישן נאכפאלגנדיג א ראסיסטיש-געשטופטע שיסעריי אטאקע ביי א לאקאלע גראסערי לעצטע יאר.

Mt. Olive Senior Manor איז די רעזולטאט פון א שותפות מיט די Mt. Olive Baptist Church קירכע אויף East Delavan Avenue. די נייע דריי-שטאקיגע געביידע וועט געבויט ווערן אויף א שטח גלייך

נעבן די קירכע, און עס וועט אריינרעכענען 65 אפארטמענטס וועלכע וועלן זיין גענוג ביליג פאר פאמיליעס וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט.

צוואנציג אפארטמענטס וועלן אפפערן אויפן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס צו העלפן איינוואוינער וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט. סערוויסעס און רענט סאָבסידיס וועלן אויסגעצאלט ווערן דורך די 'עמפייער סטעיט שטיצנדיגע האוזינג אינציאטיוו' (Empire State Supportive Housing Initiative) און אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט. סערוויסעס וועלן צוגעשטעלט ווערן דורך People, Inc. וואס איז אויך דעם פראיעקט'ס קאָו-דעוועלאפער.

באקוועמליכקייטן פאר די איינוואוינער וועלן אריינרעכענען א קאמיוניטי צימער מיט א קיך, פלאץ צו וואשן וועש, ביציקל סטארעדזש, פארוואלטונג אפיסס, שטיצע סערוויס אפיסעס, א צימער פאר פארשידענע צוועקן, א פלאץ צו זיצן און רוהען און אן ארומגענומענע הויף מיט פיסגייער-פריינטליכע פלאץ און א פעטיאָ. די פלאץ פון דעם פראיעקט געפונט זיך מינוטן צו גיין צופיס פון מערערע באס רוּטס.

די דעזיין נעמט אריין ענערגיע שפארזאמקייט אייגנשאפטן, צום ביישפיל עלעקטרישע קאר טשארדזשינג סטאנציעס, מעבל און באלייכטונג פון Energy Star, וואסער-שפארנדע פלאמבינג איינריכטונגען און גאר ווירקזאמע מעכאנישע עקוויפמענט. די שטח פון דעם פראיעקט איז אריבער אן אויסרייניגונג דורך ניו יארק סטעיט'ס פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם (Brownfield Cleanup Program).

כדי צו שטיצן איינוואוינער אזוי ווי זיי פארעלטערן זיך, וועט די געביידע קומען מיט אייגנשאפטן ווי שטאנגען זיך אנצוכאפן, נידעריגע פאליצעס און קעבינעטס, לאנגע טיר הענטלעך, באלייכטונג אונטער די קעבינעטס און שויערס וואס האבן נישט ראמען אויף די ערד ארום.

סטעיט פינאנצירונג פאר Mt. Olive Senior Manor רעכנט אריין 13 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט און 3.6 מיליאן דאלאר אין סאָבסידיס פון ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR). די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA) שטעלט צו 4 מיליאן דאלאר דורך דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם (Homeless Housing and Assistance Program). די קאנסטרוקציע קומט נאך די פארלאנגען פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס (Department of Environmental Conservation) ערפאלגרייכער פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם, וואס איז ערווארטעט צו פירן דערצו אז 3.6 מיליאן דאלאר אין טעקס קרעדיטס זאלן ארויסגעגעבן ווערן דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ (Department of Tax and Finance). די באפעלאו שטאטישע באנייאונג אגענטור (Buffalo Urban Renewal Agency) האט געשאנקען 2.9 מיליאן דאלאר אין HOME געלטער.

אין די לעצטע פינף יאר האט HCR אויפגעבויט אדער פרעזערווירט 4,655 אפאָרדעבעל היימער אין די סיטי אָוו באפעלאו.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "Mt. Olive Senior Manor וועט צושטעלן פאר 65 הויזגעזינדער מיט עלטערע מענטשן אן אפאָרדעבעל, באקוועמע און פארזיכערטע היים צו געניסן פון רואיגקייט און פון א גוטע קוואליטעט פון לעבן. א דאנק אונזער שותפות מיט די Mt. Olive Baptist Church און מיט People, Inc. וועט די אומבאניצטע פראפערטי געגעבן ווערן א באנייטע צוועק וואס וועט בענעפיטירן די גאנצע איסט באפעלאו קאמיוניטי. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט וועלן מיר פארזעצן צו שאפן מער האוזינג געלעגנהייטן פאר איינוואוינער וועלכע וואוינען אין איסט באפעלאו און אריבער די גאנצע סטעיט."

**דניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף צייטווייליגע קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "Mt. Olive Senior Manor וועט צושטעלן זיכערע, אפאָרדעבעל הייזער צוזאמען מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן וועלכע פלעגן זיין היימלאז אין איסט באפעלאו, ארויסהייבנדיג גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו פינאנצירן נייע פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג יוניטס. די שעפערישע שותפות וועט העלפן סטאביליזירן לעבנס בשעת'ן ערלויבן איינוואוינער זיך צו פארעלטערן אין די פלאץ וואו זיי געפונען זיך, בענעפיטירנדיג די גאנצע קאמיוניטי."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם ברענגט צוריק הונדערטע געוועזענע אינדוסטריאלע שטחים צוריק צו קענען האבן א פראדוקטיווע באנוץ כדי צו בעסער ענטפערן קאמיוניטי באדערפענישן. ארבעטנדיג מיט אונזערע שותפים ביי האָומס ענד קאמיוניטי רינויעל פארוואנדלט ניו יארק סטעיט געוועזענע חרוב'ע אינדוסטריאלע שטחים און בויט איבער אמבאנוצטע פראפערטיס צו בענעפיטירן מענטשן אין מערב ניו יארק און אריבער די סטעיט."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדער באפעלאו איינוואוינער צו האבן א זיכערע און סטאבילע פלאץ צו רופן היים, און איך בין שטאלץ צו זעהן די באדייטנדע אינוועסטירונג סיי אין אפאָרדעבעל האוזינג און סיי פאר קאמיוניטי מיטלען אין די איסט באפעלאו קאמיוניטי. דורכן אויסנוצן 13 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע נידעריגע איינקונפט טעקס קרעדיטס – וואס איך האב שווער געארבעט צו פארזיכערן – צו אויפבויען איבער 60 נייע אפאָרדעבעל און צוגענגליכע אפארטמענטס פאר עלטערע מענטשן העכער 55 יאר אלט אין איסט באפעלאו, און דורכן אפפערן קריטישע שטיצנדע סערוויסעס פאר מיטגלידער פון די קאמיוניטי וועלכע זענען אין סכנה פון האוזינג אומזיכערהייט — וועט די נייע דעוועלאפמענט העלפן אונזער סטעיט'ס וואוקסנדע איינוואוינער לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארמערן צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג אין באפעלאו און אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו פארגרעסערן די סופליי פון האוזינג און צו שאפן א מער אפאָרדעבעל און איינוואוינער-פריינטליכע ניו יארק פאר יעדן."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "פארברייטערן צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג אפציעס איז קריטיש פאר ניו יארקע קאמיוניטיס. די האוזינג דעוועלאפמענט וועט העלפן זיכער מאכן אז מיר קענען נאכקומען די קריטישע האוזינג באדערפענישן פון עלטערע מענטשן אין איסט באפעלאו און אז מיר קענען צושטעלן גאר-נויטיגע שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען. איך בין שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו פארברייטערן אפאָרדעבעל האוזינג פאר די איסט באפעלאו קאמיוניטי און אריבער די גאנצע סטעיט."

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "די אפאָרדעבעל האוזינג קריזיס וואס אונזער לאנד גייט אריבער איז באזונדערס שווער פאר עלטערע איינוואוינער און פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלכע וואוינען אין פארקוקטע געגנטער. אונטער די שותפות צווישן די סטעיט און פעדעראלע רעגירונגען, זענען מיר פאר צו אינוועסטירן אין א בעסערע צוקונפט פאר איסט באפעלאו. א דאנק די פירערשאפט פון Mt. Olive און People Inc., וועלן איינוואוינער האבן צוטריט צו זיכערע און אפאָרדעבעל האוזינג וואס שטעלט צו די שטיצע וואס זיי דארפן יעדן טאג צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט. מיר זענען שטאלץ צו זעהן דעם פראיעקט זיך ארויסלאזנדיג אויפן וועג אזוי ווי מיר זעצן פאר צו בויען געלעגנהייטן אין איסט באפעלאו."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "דער פראיעקט צייכנט אפ נאך א סטעיט אינוועסטירונג אין אפאָרדעבעל הייזער געלעגנהייטן, און עס שטרייכט אונטער Mount Olive'ס און People Inc.'ס איבערגעגעבנקייט צו פלעגן קאמיוניטי-צענטרירטע פלעצער אין די סיטי אָוו באפעלאו. ניו יארק סטעיט

וועט פארזעצן צו שטיצן צוקונפט-קאנצענטרירטע פראיעקטן ווי דעם, פארשטערקערנדיג אונזערע געגנטער און פארבינדיג איינוואוינער מיט די שטיצנדע סערוויסעס וואס זיי דארפן צו לעבן פולע און לעבהאפטיגע לעבנס."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטאל פיפלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "איך גראטוליר Mt. Olive Baptist Church, People Inc. און די גאנצע דעוועלאָפּמענט מאנשאפט פארן פארענדיגן Mt. Olive Senior Manor. דער פראיעקט קאכט זיך שוין לאנג, אנגעפירט דורך די חזון פון דער גייסטליכער דוועין גיליסאן סיניאר וועלכער לעבט שוין נישט און ווייטער געפירט דורך זיין זוהן, גייסטליכער דוועין גיליסאן דזשוניאר. איך בין שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט מיינע קאלעגן און מיט די קאמיוניטי צו באנייען מער נייע, זיכערע און אפאָרדעבעל הייזער פאר אונזערע עלטערע מענטשן וואס פארדינען זיך דאס. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די NYS דיוויזיע פון האוזינג און קאמיוניטי רינוּעל פארן דאס ערמעגליכן אין באפעלאו'ס מזרח זייט."

**באפעלאו מעיאר בייראן בראון האט געזאגט,** "די Mt. Olive Senior Manor דעוועלאפמענט זעצט פאר מיין אדמיניסטראציע'ס פארפליכטונג צו גלייכע דעוועלאפמענט און אפאָרדעבעל האוזינג אין אונזער שטאט. די שטאט איז שטאלץ צו ביישטייערן מער פון 2 מיליאן דאלאר צו דעם פראיעקט. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פאר איר שטיצע און שותפות אין מיין מיסיע צו אנקומען צו 40 פראצענט פון אפאָרדעבעל הייזער אין אונזער שטאט. איך וויל אויך באדאנקען Mt. Olive Development Corporation און People, Inc. דאס איז די צווייטע מאל וואס די שטאט רעגירונג איז אריין אין א שותפות מיט Mount Olive אויף אפאָרדעבעל האוזינג און די פינפטע מאל וואס מיר זענען אריין אין א שותפות מיט People, Inc. איך בין שטאלץ מיט די ארבעט וואס ביידע ארגאניזאציעס טוהען, און איך בין שטאלץ צו פארזעצן אונזער ערפאלגרייכער שותפות."

**Mount Olive Baptist Church קירכע גייסטליכער, דוועין גיליסאן, האט געזאגט,** "די ציהל פון צענדליגע יארן ווערט פארווירקליכט מיט די אנהויב ארבעט! אונזער 65-יוניט איינריכטונג וועט צושטעלן אפאָרדעבעל הייזער פאר נויטבאדערפטיגע עלטערע מענטשן אין די סיטי אָוו באפעלאו. עס איז ערווארטעט אז די וואוינונגען זאלן פארענדיגט ווערן אין הערבסט פון 2025. מיר זענען דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט, די סיטי אָוו באפעלאו, ערי קאונטי, די פינאנציארער פון דעם באגייסטערנדן פראיעקט און אזוי אויך אונזערע ערוויילטע פירער. צו גאט זאל זיין די רום!"

**פרעזידענט און CEO פון People, ען מעקעפרי, האט געזאגט,** "היינט איז א באגייסטערנדן טאג פאר אונז. מיר זענען שטאלץ צו האבן אויסדערוועהלט געווארן דורך Mt. Olive צו זיין א שותף אין די דעוועלאפמענט פון קריטישע האוזינג אפציעס וועלכע וועלן ביישטייערן צו די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער אין איסט באפעלאו. אפאָרדעבעל האוזינג אינציאטיוון זענען צענטראל צו People Inc.'s מיסיע פון העלפן מענטשן לעבן פארפילנדע און פראדוקטיווע לעבנס. מיר זענען דאנקבאר פאר די ערוויילטע פירער און אגענטורן וועלכע האבן געלייגט אפאָרדעבעל הייזער אלס פריאריטעט אין אונזער קאמיוניטי. דער פראיעקט וואלט נישט מעגליך געווען אן די שטיצע פון די סיטי אָוו באפעלאו, ערי קאונטי און ניו יארק סטעיט מיט זייער ביישטייערונג פון HOME, PILOT, OTDA און HCR געלטער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418 |

זיך ארויסשרייבן